# ישׂראל פֿאָלאַק־פּרײַז פֿאַר ליטעראַטור און קולטור בײַם בית שלום־עליכם

## מסקנות פֿון דער זשורי — װעגן לאַורעאַט פּראָפֿ׳ דוד־הירש ראָסקעס

דוד־הירש ראָסקעס געהערט צו דעם ייִנגערן דור ליטעראַטור־פֿאָרשער און קולטור־היסטאָריקער. קלאָר, זײַן פֿעלד אויף װעלכן ער איז אַקטיװ און איז אויסנעמלעך שעפֿעריש איז די ייִדישע ליטעראַטור און די דורותדיקע קולטור — און אירע פּראָצעסן אין ייִדיש־פֿאָלקישן קיום.

זײַן אַקאַדעמישע אויסבילדונג האָט ער באַקומען אין בראַנדײַס־אוניװערסיטעט אין באָסטאָן, דאָרט האָט ער באַקומען זײַן דאָקטאָראַט אין ייִדאָלאָגישער־װיסנשאַפֿט, אין יאָר 1967 איז ער געװאָרן לערער אין דעם ייִדיש־אָפּטייל אין העברעיִשן אוניװערזיטעט אין ירושלים. הײַנט איז ער פּראָפֿעסאָר פֿאַר ליטעראַטור אין "טעאָלאָגישן סעמינאַר" אין ניו־יאָרק און גאַסט־לעקטאָר אין דער ייִדיש־פּראָגראַם אין תּל־אָבֿיבֿער אוניװערסיטעט.

פּראָפֿ׳ דוד־הירש ראָסקעס איז א געבוירענער אין מאָנטרעאָל, און מאָנטרעאָל בײַדע איז צומאָל ביז הײַנט אַ שטאָט מיט ייִדישער רוחבֿיות. דאָרט זענען דאָ ייִדישע און העברעיִשע שולן, אַ צאָל אַקטיװע קולטור־אינסטיטוציעס, דאָרט איז טעטיק די באַרימטע "פֿאָלקס־ביבליאָטעק" װעמענס ביכער אינװענטאַר איז גאָר עשירותדיק. אין מאָנטרעאָל זענען נמצא קרײַזן פֿון ייִדישער אינטעליגענץ און אינטעלעקטואַלן װעמען דאָס ייִדישע װאָרט און די ייִדישע קולטור־שאַפֿונג איז טײַער און אייגן. אין אַזאַ הײם פֿון ייִדישע קולטור מענטשן (זײַן מאַמע איז אַ װילנערין און דער פֿאָטער ע״ה איז געװען אַן אָפּשטאַמיקער פֿון ביאַליסטאָק) איז אױפֿגעקומען און זיך דערצױגן אונדזער הײַנטיקער לאַורעאַט פּראָפֿ׳ דוד־הירש ראָסקעס, און אַזױ אױך זײַן שװעסטער די באַקאַנטע פֿאָרשערין און עסײַיִסטין רות װײַס, װאָס גיט זיך אָפּ בעיקר מיט דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, װעלכע זי אַנאַליזירט און באַשרײַבט אין ענגליש.

דוד־הירש ראָסקעס איבעראַשט מיט זײַן טיפֿן װיסן און קענטשאַפֿט ביז באָר פֿון דער לעצט־צײַטיקער ליטעראַטור און קולטור שאַפֿונג, באַר אויך מיט דער בקיאות אין װײַט־לעכן עבֿר, ער רודערט ממש אויף דאָס געמיט פֿונעם לייענער הן מיט זײַן מקורות־דיקן דורכלויכט פֿון די פֿאַרליפֿעניש און געשעענישן, הן מיט זײַנע אייגנדיקע מסקנות. אַזוי אויפֿן שטח פֿון ליטעראַטור־פֿאָרשונג, אַזוי אין דער היסטאָריאָגראַפֿיע פֿון ייִדישער קולטור־שאַפֿונג.

זײַן אין ייִדיש געשריבענע אַרבעטן זענען געדרוקט בעיקר אין "די גאָלדענע קייט". דערמאָנען מיר דאָ אייניקע פֿון זײַנע פֿאַרעפֿנטלעכטע אַרבעטן, װאָס גיבן מער װי אַן אָנדײַט אויף דער מיליע פֿון זײַנע איבערלעכע פֿאַראינטערעסירונגען, װעלכע זענען אַ קענטיקער בײַטראָג צו דער ליטעראַטור און קולטור־פֿאָרשונג: "אַ שליסל צו פּרצעס זכרונות", "שלום־עליכמס װעג צו זיך", "יצחק באַשעװיס און זײַנע שדים", "אברהם סוצקעװערס װעלטלעכע װונדער־מעשׂיות", "דער ליטעראַרישער מהות פֿונעם עונג־שבת־אַרכיװ 1939–1944".

הגם, ס׳איז דאָך איבעריק צוצוגעבן אַז די אָפּהאַנדלונגען זענען געשריבן אינעם נוסח פֿון פֿאָרש־אַרבעטן, דאָך האָט ער זיך װי צוגעאייגנט אַ באַזונדער פֿאָרעם און שפּראַך־געבעדע װאָס איז באַראַטירט און אַפֿילו באַװוּרצט־דאַ און דאָרט־ מיט שרײַבע־רישער טוײִקייט. אָט װי ער הייבט־אָן זײַן אַרבעט װעגן יצחק באַשעװיס: "װי אײנעם אַ העלד אין זײַנער אַ מעשׂה, האָט מען יצחק באַשעװיסן געקידנעפּט, און אָנשטאָט דעם רבֿס אַ זון און רבֿס אַן אייניקל, האָט מען אויף זײַן אָרט געלאָזט אַן אַמעריקאַנער שד. דער לעצטער איז אַזוי אַנדערש פֿונעם שרײַבער װאָס אַנטפּלעקט

זיך פאַר ארבדז אויף ייִדיש, אַז מיר האָבן שיער ביט צו טאָן מיט צוויי באַזונדערע
געשטאַלטן: אייבער אַ "יצחק באַשעוויס" וואָס איז געבליבן מעבר לים , און אייבער
אַ Isaac Bashevis Singer וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ ים מיט ביכער אויף ענגליש".
אין זײַן הקפדיקער אַרבעט "דער ליטעראַרישער מהות פון ערבֿ-שבת-אַרכיוו" דערמאָנט
ער באַשעוויס[ן] וועלכער האָט אין זײַנס אַן אַרטיקל אין "חורבן נומער" פון "די צוקונפט
(ניו-יאָרק 1943) זיך אַרויסגעזאָגט אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן צווישן
ביידע וועלט-מלחמות איז געווען "געטלעך אָן אַ גאָט". דוד הירש=ראָסקעס קומט צו
אָן אַנדער גרונט אויספיר: "ווער עס לייענט זיך אַרײַן איבעם בעלעטריסטישן טייל
פונעם ערבֿ-שבת-אַרכיוו (די כראָניקעס, באַווערלעס ,ראָמאַנען, דראַמעס, פּעליעטאָנען,
קינטלידער, פֿאָלקסלידער און ליטעראַטור-קריטיק) מוז קומען צו אַ פּאַרקערטער מסקנא.
די קינסטלערישע ליטעראַטור אויף ייִדיש איז בפירוש געוואָרן דער אויסדרוק אי פון
ייִדישער געטלעכקייט אי פון ייִדישער וועלטלעכקייט.---- די ליטעראַרישע גניזה-
זאָל זי בלײַבן בלויז אַ בראָכטייל פון דעם וואָס איז דאָרטן געשאַפן געוואָרן-
געהערט צווישן די בלײַביקסטע אי פון אונדזער קולטור, אי פון דער וועלטקולטור".
אָט דער צוגאַנג און באַנעם פון דוד=הירש ראָסקעס קומט נאָך שטאַרקער צום אויסדרוק
אין זײַן בוך וואָס איז פריער דערשינען אין ענגליש,און ביט לאַנג צוריק אין
העברעיש "אל מול פני הרעה - תגובות לפורענות בתרבות היהודית החדשה"(הוצאת
הקיבוץ המאוחד). אַ זעלטענער בוך הן פון פאָרשערישן ,הן פון געשיכטלעכן פּאַרנעם,
ווו עס קומט אויף דאָס טראַגישע, דאָס דראַמאַטישע , דער פּיינפולער גאַנג פון
ייִדישן לעבן אין מזרח-אייראָפּע און די אָפּשפּיגלען פון ייִדישער העראָיק אין אַלע
זײַנע פאָרמען.

פּראָפ' דוד=הירש ראָסקעסעס ליטעראַטור-פאָרשערישע און קולטור-היסטאָרישע אַרבעטן
דערמאָנען צומאָל אין זייער טעמאַטיק און באַראַטירון-געווענ אַ בעל ממשיך פון
אייבעם פון אונדזערע גרעסטע ליטעראַטור און קולטור היסטאָריקער-ד"ר ישראל
ציבבערג.

מיט גרויס צופרידנקייט טיילן מיר צו פּראָפ' דוד=הירש ראָסקעס דעם "ישראל פּאָלאַק=
פּרײַז פאַר ליטעראַטור און קולטור בײַם בית שלום-עליכם"

תל-אביב, ג' סיון תשנ"ו - 21סטן מאי 1996

די זשורי: יצחק ארצי, ד"ר אליהו ליפּינער, פּראָפ' זיוה שמיר.